מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן. איצט קומט די שיינע יוגנט פון דעם פובליקום. זער א גוטן איינדרוק האט אויך איבערגעלאזן די יונגע און סימפאטישע אקטריסע אסתר זילבערבערג, ווי אויך דער אקטיאר מאקס בוים. די מוזיקאלישע באגלייטונג איז געווען אויסערגעוויינליך, אנגעפירט דורך עני און סידני ראנין.

„דער אוונט וועט מיר בלייבן אייביג אין זכרון. סיי דאס שפילן, זינגען און הויפטזעכליך זייער זאפטיגער און געשמאקער יידיש וועלכער צוגייט זיך אין אלע אברים אויף צו להכעיס אלע אונזערע שונאים פון דער יידישער שפראך . . .״

וואס קאן מען שוין צוגעבן צו אזא רעצענזיע? . . נאר דאס אז די לאנדאנער יידן זיינען אויך מיט דער זעלבער מיינונג, ווייל זיי שטראמען אין יידישן טעאטער אריין ווי אין די אלטע גוטע צייטן. די טרופע שפילט יעדן שבת און זונטאג אין אנדערע געגנטן פון לאנדאן, אויך אין פראווינץ שטעט ווי מאנשעסטער, לידז, בארנמוט און אנדערע.

עס איז באגרוסט צו ווערן די ארבעט פון דעם לעצטן מנין יידישע אקטיארן, וועלכע פארשפרייטן דאס יידישעווארט און גלייכצייטיג ווערט דורך זייערע פארשטעלונגען געזאמלט געלט פאר פארשיידענע וואלטעטיקע צוועקן, הויפטזעכליך פאר ישראל.

זיי זיינען איצט די אמת׳ע „בלאנדזשענדע שטערן״ ווי עס האט באשריבן אונזער קלאסיקער שלום עליכם און מיר וואונשן זיך אז די שטערן זאלן קיינמאל נישט פארלאשן ווערן.

י. מ.

יוסף רובינשטיין

## וועגן

אלע וועגן פירן ערגעץ, יעדער וועג באזונדער
טראגט זיין גורל אים פארהוילן, טראגט זיין שטומער סוד.
ערגעץ ווארט אפ פרייד, די טרויער, ערגעץ ווארטן וואונדער
ס׳ליגט אין יעדן וועג באהאלטן עמעצנס פירער־טראט.

יעדער וועג הויבט אן זיך ערגעץ און ווערט ווו פארענדיקט —
ס׳קען זיין עמעץ ביי דעם סוף דארט ווארט אויף דיר שוין לאנג,
ווארט מיט שאטעס נאכטיק אפשר, צי מיט זון צעבליענדיקט,
נאר פארקריצט וועט אויף דעם וועג דארט בלייבן אויף דיין גאנג.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1־12 (העפט 8־407) 34־סטער יאר דעצ.־יאנואר 1973 לאנדאן

אינהאלט:

„א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס און די גאנצע מעשה לאזט זיך אויס״, יאזעפוס פלאוויוס ביים שרייבן דאס קאפיטל מאסאדא *** 3
אינזער צווייטער באזוך אין ארץ־ישראל ........ מאיר ניסנבוים 8
א מצווה (ליד) ........ רבקה קאפע 10
צוויי פעלטשערס, דער שטרייקער שמואל סטאניסלאווסקי און דער צאר ניקאלאי (סקיצן) ........ יאקוב דזיערגאווסקי 10
פארן לעצטן געראנגל, דאס ווינטער ליד פון דעמב, חמשה־עשר בשבט ראש־השנה לאילנות, שמשון הגיבור און גלית הפלישתי (פראזע און פאעזיע) ........ א. נ. שטענצל 12
הערמאן פעניגשטיין ע״ה ........ בערנארד מענדעלאוויטש 23
ניינציקסטער געבורטסטאג (ליד) ........ עלא זילבערג 24
לאנדאנער קולטור ידיעות

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

די בארימטע אידא קאמינסקי און מאיר מעלמאן האבן אויפגעטרעטן אין לאנדאנער פוילישן טעאטער „זאספ“ מיט רעציטאציעס אין יידיש און אין פויליש מיט גרויס דערפאלג. די צוויי אוונטן זיינען די בילעטן געווען אויספארקויפט.

אינם ארטיקל „יידיש טעאטער אין לאנדאן“ פארגאנגענעם חודש אין „לשון און לעבן“ איז ליידער ארויסגעפאלן דעם נאמען פון דער טאלאנטירטער אקטריסע סעדי סקאפ—מיר בעטן אנטשולדיקונג.

פארן אפפארן קיין אמעריקע פון סעם גאלדבערג איז ביים סעקרעטאר פון לשון און לעבן נעט רובין געמאכט געווארן אן אפשיד־אוונט.

דעם 75 יובל פונם בונד איז געפייערט געווארן ביי א געדעקטן טיש אין הויז פון ה״ר קוטשינסקי.

פריינט אברהם ערלעכמאן האט אדורכגעמאכט א שווערע אפעראציע — מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

דער באקאנטער ווייטשעפלער חזן דוד פרידמאן געפינט זיך אין לאנדאנער האספיטאל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

פריינט צביה גאלדבערג געפינט זיך אין שפיטאל. מיר ווינטשן איר רפואה שלימה.

פרוי אסתר מארקיש, די אלמנה פונם אומגעברענגט גרויסן דיכטער פרץ מארקיש איז געווען דער גאסט פונם בארד אף דעפיוטיס, לאנדאן ווו זי איז פייערלעך אויפגענומען געווארן.

ליידי הענריקעס, אן אנגעזעענע קינסטלערין און קולטור־טוערין אין ווייטשעפל, איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

דער יידישער שרייבער און זשורנאליסט פעראין אין לאנדאן האט געמאכט אן הזכרה פערזאמלונג צו אנדענקען פון די שרייבער־קדושים אין סאוויעט־רוסלאנד.

אונזער פריינט חיים נח בענקוויטש איז פארגאנגענעם חודש געווארן א בן תשעים מיר ווינטשן אים כל־טוב עד מאה ועשרים. ביים שבת נאכמיטאג אין טאג פון געבורטסטאג האט זיך דער עולם משמח געווען מיט א „לחיים“ לכבוד דעם בעל־יובל.

ביי דער לעבעדיקער צייטונג לכבוד די יארצייטן, הערצל, זשאבאטינסקי, ביאליק און אש, האבן גערעט ש. י. גאלדשמיד, דר. מאיר גערטנער, יוסף לעפטוויטש און יוסף פרענקעל.

יידיש־ליטעראריש שבת נאכמיטאג צו דער 15־טער יארצייט פון שלום אש האבן גערעט עלא זילבערג, י. א. ליסקי, געליינט פון שלום אשס ווערק — אייזיק גאלדבערג און נעט רובין.

ביי דער חנוכה פייערונג ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס האט מאיר באגדאנסקי געזונגען יידיש־טראדיציאנעלע ניגונים, פאלקס־לידער און זיינע אייגענע קאמפאזיציעס צו יידישע מאדערנע דיכטונגען.

ביי דער קאנפערענץ פארזאמלונג פון יידיש וועלט־קאנגרעס איז פארגעקומען א שארפע דיסקוסיע מכוח די מערכה פון יידיש אין ענגלאנד. זיך אנגענומען פאר יידיש האבן: יואל צאנק און שלום יאקאבאוויץ.

ביי די שבת־נאכמיטאגס איז געווען א דיסקוסיע איבער דער פאליטישער לאגע יעצט פון ישראל. ס׳האבן זיך באטייליקט י. א. ליסקי, סעם לעווי, אסתר ערליכמאן

פארגאנגענעם יאר איז ליידער אונזער זשורנאל „לשון און לעבן“ נישט ארויס רעגלמעסיק חודש׳לעך. מיר האפן, אז אי״ה דאס יאר וועט שוין זיין מער רעגלמעסיק.

לכבוד דעם יובל השמונים פון יוסף לעפטוויטש האט מען געליינט ביי א שבת נאכמיטאג פון זיינע יידישע לידער.

פון אוניווערזיטעט אין ירושלים זיינען אנגעקומען איינלאדונגס־בריוו צו די שרייבער אין לאנדאן זיך צו באטייליקן אין דער פארזאמלונג וואס גייט דארט בקרוב דערשיינען: יידישע פאלקלאר אין לאנדאן.

אין דער ווייטשעפלער „לייבערי“ און אין „דזשואיש פריי“ רידינג רום אין אדלער סטר. איז א גרויסע אויסוואל פון ביכער אין יידיש און עברית ווו יעדער קאן באקומען צו לעזן.

יעדע צווייטע וואך אין חודש איז א קאנצערט אדער א רעפעראט אין דזשואיש פרי רידינג רום“.

די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס אין הענריקעס סטר. 32 א. 1. קומען פאר יעדן שבת 3 אזייגער.

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל, דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

פריינט שיע געפינט זיך אין יידישן שפיטאל מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

פערגאנגענעם חודש האט י. א. ליסקי געהאלטן א רעפעראט: ירושלים, רוים און מעקא. ער האט באטאנט די וויכטיקייט פון ירושלים.

די פרוי פון יוסף וויינשטיין איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן. אונזער טיפן מיטלייד מיט אונזער פריינט.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און קולטור

נומער 1־12 (העפט 8־407) 34־סטער יאר דעצ.־יאנואר 1973 לאנדאן


## „א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס, און די גאנצע מעשה לאזט זיך אויס“

אין אן עפאכע, ווען נישט מער די שווערד און דער שפיז זענען שויךמיטלען פון די פעלקער, נאר די פלי־מאשין און די אטאם־באמבע, איז שוין אביסל שווערלעך, אז דאס מוהל־מעסערל און דער פגומלאזער חלף זאלן אליין קאנען זיין דער פאנצער פון א פאלק אין א גלות אן געטא־מויערן.

דאס שטעטל מיטן געצוייגענעם עירוב ארום איז נאך געווען די לעצטע פעסטונג! און אין די לעצטע פופציק יאר, אין וועלכער מדינה נאך וואו מיר זענען אנגעקומען, האבן מיר נאך דעם לעצטן זכות געהאט: „שלא שינו את לשונם“! איצט, אז מיטן אביסל יידישקייט אויף שפיץ־מעסער; מיט טראפנס אויף א מעדיצין־לעפעלע, בלייבט, חלילה וחס, איבער דער בית־הקברות פארקן, די אסימילאציע גראבט שוין פאר די תפוצות דעם לעצטן קבר; וואו נאך א יידיש חדר, א שטיקל ישיבה, קויפן זיי מלמדיש אפ די „מאכערס“ אין בין יום ולילה לערנט מען שוין א בלאט גמרא אויף ענגליש.

איך האב געפרעגט אזא ישיבה־בחורל: „פילט מען דעם טעם פון אזא, ׳ביצה שנולדה׳ ביום־טוב?“ האט ער מיר געענטפערט, אז נישט ווייניקער ווי אין דער פאניעוויעזשער ישיבה קטנה אין ישראל אויף עברית. — ער האט דארט געלערנט א זמן.

די אסימילאציע מוז גיין אזוי ראפיד, נאך שנעלער ווי דער געגאסיד. זיי מוזן אריינכאפן די פיש נאך פאר דער נעץ: אפילו אויב דער „עקספערימענט“ ישראל זאל נישט געלינגען — ביי זיי איז אפילו דער חלילה נישטא— . . אבער יידיש זאל שוין צו תחיית־המתים נישט אויפשטיין. — ס׳גאנצע צדקה תציל ממות געלט, וואס זיי ווארפן איצט אין די כלערליי פושקעס אריין, איז זיי ווערט.

די יידישע שונאי־ישראל ווייסן דאס גאנץ גוט און האבן שוין באצייטנס דעם אנטיסעמיטיזם משנה־שם געווען אויף אנטי־ציוניזם, ווארום עס וועט דאך באלד שוין נישט זיין קיין איין ייד אין זייערע לענדער אויף א רפואה. אויב ס׳וועט עפעס יא איבערבלייבן, וועט עס זיין עפעס אן אייגענע סעקטע צווישן צענדליקער סעקטעס.

האט דאך שוין א לאנדאנער „ראביי“ מיט פערציק יאר צוריק געזאגט: „מיין ענגלישער גויאישער גערטנער איז מיר נענטער ווי אן אסט־יודע“.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

די בארימטע אידא קאמינסקי און מאיר מעלמאן האבן אויפגעטרעטן אין לאנדאנער פוילישן טעאטער „זאספ“ מיט רעציטאציעס אין יידיש און אין פויליש מיט גרויס דערפאלג. די צוויי אוונטן זיינען די בילעטן געווען אויספארקויפט.

אינם ארטיקל „יידיש טעאטער אין לאנדאן“ פארגאנגענעם חודש אין „לשון און לעבן“ איז ליידער ארויסגעפאלן דעם נאמען פון דער טאלאנטירטער אקטריסע סעדי סקאפ—מיר בעטן אנטשולדיקונג.

פארן אפפארן קיין אמעריקע פון סעם גאלדבערג איז ביים סעקרעטאר פון לשון און לעבן נעט רובין געמאכט געווארן אן אפשיד־אוונט.

דעם 75 יובל פונם בונד איז געפייערט געווארן ביי א געדעקטן טיש אין הויז פון ה״ר קוטשינסקי.

פריינט אברהם ערלעכמאן האט אדורכגעמאכט א שווערע אפעראציע — מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

דער באקאנטער ווייטשעפלער חזן דוד פרידמאן געפינט זיך אין לאנדאנער האספיטאל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

פריינט צביה גאלדבערג געפינט זיך אין שפיטאל. מיר ווינטשן איר רפואה שלימה.

פרוי אסתר מארקיש, די אלמנה פונם אומגעברענגט גרויסן דיכטער פרץ מארקיש איז געווען דער גאסט פונם בארד אף דעפיוטיס, לאנדאן ווו זי איז פייערלעך אויפגענומען געווארן.

לײדי הענריקעס, אן אנגעזעענע קינסטלערין און קולטור־טוערין אין ווייטשעפל, איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

דער יידישער שרייבער און זשורנאליסט פעראין אין לאנדאן האט געמאכט אן הזכרה פערזאמלונג צו אנדענקען פון די שרייבער־קדושים אין סאוויעט־רוסלאנד.

אונזער פריינט חיים נח בענקוויטש איז פארגאנגענעם חודש געווארן א בן תשעים מיר ווינטשן אים כל־טוב עד מאה ועשרים. ביים שבת נאכמיטאג אין טאג פון געבורטסטאג האט זיך דער עולם משמח געווען מיט א „לחיים“ לכבוד דעם בעל־יובל.

ביי דער לעבעדיקער צייטונג לכבוד די יארצייטן, הערצל, זשאבאטינסקי, ביאליק און אש, האבן גערעט ש. י. גאלדשמיד, דר. מאיר גערטנער, יוסף לעפטוויטש און יוסף פרענקעל.

יידיש־ליטעראריש שבת נאכמיטאג צו דער 15־טער יארצייט פון שלום אש האבן גערעט עלא זילבערג, י. א. ליסקי, געליינט פון שלום אשס ווערק — אייזיק גאלדבערג און נעט רובין.

ביי דער חנוכה פייערונג ביי די יידיש־ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס האט מאיר באגדאנסקי געזונגען יידיש־טראדיציאנעלע ניגונים, פאלקס־לידער און זיינע אייגענע קאמפאזיציעס צו יידישע מאדערנע דיכטונגען.

ביי דער קאנפערענץ פארזאמלונג פון יידיש וועלט־קאנגרעס איז פארגעקומען א שארפע דיסקוסיע מכוח די מערכה פון יידיש אין ענגלאנד. זיך אנגענומען פאר יידיש האבן: יואל צאנק און שלום יאקובאוויץ.

ביי די שבת־נאכמיטאגס איז געווען א דיסקוסיע איבער דער פאליטישער לאגע יעצט פון ישראל. ס׳האבן זיך באטייליקט י. א. ליסקי, סעם לעווי, אסתר ערליכמאן

פארגאנגענעם יאר איז ליידער אונזער זשורנאל „לשון און לעבן“ נישט ארויס רעגלמעסיק חודש׳לעך. מיר האפן, אז אי״ה דאס יאר וועט שוין זיין מער רעגלמעסיק.

לכבוד דעם יובל השמונים פון יוסף לעפטוויטש האט מען געליינט ביי א שבת נאכמיטאג פון זיינע יידישע לידער.

פון אוניווערזיטעט אין ירושלים זיינען אנגעקומען איינלאדונגס־בריוו צו די שרייבער אין לאנדאן זיך צו באטייליקן אין דער פארזאמלונג וואס גייט דארט בקרוב דערשיינען: יידישע פאלקלאר אין לאנדאן.

אין דער ווייטשעפלער „לייבערי“ און אין „דזשואיש פרי“ רידינג רום אין אדלער סטר. איז א גרויסע אויסוואל פון ביכער אין יידיש און עברית ווו יעדער קאן באקומען צו לעזן.

יעדע צווייטע וואך אין חודש איז א קאנצערט אדער א רעפעראט אין דזשואיש פרי רידינג רום״.

די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס אין הענריקעס סטר. 32 א. 1. קומען פאר יעדן שבת 3 אזייגער.

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל, דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

פריינט ש״ע געפינט זיך אין יידישן שפיטאל מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

פערגאנגענעם חודש האט י. א. ליסקי געהאלטן א רעפעראט: ירושלים, רוים און מעקא. ער האט באטאנט די וויכטיקייט פון ירושלים.

די פרוי פון יוסף וויינשטיין איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן. אונזער טיפן מיטלייד מיט אונזער פריינט.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און קולטור

נומער 1־12 (העפט 8־407) 34־סטער יאר דעצ.-יאנואר 1973 לאנדאן

## „א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס, און די גאנצע מעשה לאזט זיך אויס“

אין אן עפאכע, ווען נישט מער די שווערד און דער שפיז זענען שוץ-מיטלען פון די פעלקער, נאר די פלי־מאשין און די אטאם־באמבע, איז שוין אביסל שווערלעך, אז דאס מוהל־מעסערל און דער פגומלאזער חלף זאלן אליין קאנען זיין דער פאנצער פון א פאלק אין א גלות אן געטא-מויערן.

דאס שטעטל מיטן געצויגענעם עירוב ארום איז נאך געווען די לעצטע פעסטונג! און אין די לעצטע פופציק יאר, אין וועלכער מדינה נאך וואו מיר זענען אנגעקומען, האבן מיר נאך דעם לעצטן זכות געהאט: „שלא שינו את לשונם“! איצט, אז מיטן אביסל יידישקייט אויף שפיץ־מעסער; מיט טראפנס אויף א מעדיצין־לעפעלע, בלייבט, חלילה וחס, איבער דער בית־הקברות פארקן, די אסימילאציע גראבט שוין פאר די תפוצות דעם לעצטן קבר; וואו נאך א יידיש חדר, א שטיקל ישיבה, קויפן זיי מלמדיש אפ די „מאכערס“ אין בין יום ולילה לערנט מען שוין א בלאט גמרא אויף ענגליש.

איך האב געפרעגט אזא ישיבה-בחורל: „פילט מען דעם טעם פון אזא ,ביצה שנולדה׳ ביום־טוב?“ האט ער מיר געענטפערט, אז נישט ווייניקער ווי אין דער פאניעוויזשער ישיבה קטנה אין ישראל אויף עברית. — ער האט דארט געלערנט א זמן.

די אסימילאציע מוז גיין אזוי ראפיד, נאך שנעלער ווי דער געגנאסיד. זיי מוזן ארייננכאפן די פיש נאך פאר דער נעץ: אפילו אויב דער „עקספערימענט“ ישראל זאל נישט געלינגען — ביי זיי איז אפילו דער חלילה נישטא— . . אבער יידיש זאל שוין צו תחיית־המתים נישט אויפשטיין. — ס׳גאנצע צדקה תציל ממות געלט, וואס זיי ווארפן איצט אין די כלערליי פושקעס אריין, איז זיי ווערט.

די יידישע שונאי-ישראל ווייסן דאס גאנץ גוט און האבן שוין באצייטנס דעם אנטיסעמיטיזם משנה־שם געווען אויף אנטי־ציוניזם, ווארום עס וועט דאך באלד שוין נישט זיין קיין איין ייד אין זייערע לענדער אויף א רפואה. אויב ס׳וועט עפעס יא איבערבלייבן, וועט עס זיין עפעס אן אייגענע סעקטע צווישן צענדליקער סעקטעס.

האט דאך שוין א לאנדאנער „ראביי“ מיט פערציק יאר צוריק געזאגט: „מיין ענגלישער גויאישער גערטנער איז מיר נענטער ווי אן אסט־יודע“.

און א געש־וועסטער־קינד, צי א זון גאר פון יענעם „ראביי״ — דער נאמען, די שענסטע משפחה, וואס דאס ענגלישע יודנטום פארמאגט — איז ברוך־השם א בארימטער בישאף אין לאנדאן.

עד־כאן די יידישע בורזשואזע אסימילאציע! און וואס הערט זיך מיטן פראלעטאריאט, דעם יידישן הארעפאשניק, דעם אזוי־גערימטן עמך — „זיין מאיעסטעט דער יידישער שניידער״ — גיי זוך א נאדל אין א סטויג היי! מיט דרייסיק יאר צוריק נאך האט עס דא געטומלט און געווימלט מיט יוניאנס, בעקער־יוניאן, טישלער־יוניאן, מענער און דאמען־שניידער יוניאנס וכו׳.

יא, ס׳געפינט זיך נאך ערגעץ א שטיקל ארבעטער־רינג מיט מעמבערס, וואס זאמלען א גאנץ יאר אויפן „קריסטמעס־באקס״ און א גרויסער יום־טוב ווערט געמאכט, אז מ׳שיקט אמאל שוין אן אמבולאנס קיין מדינת־ישראל.

מ׳האט פון אזעלכער טויזנט און איין שטעטל איינגעבראכן די כותלי בית־מדרש, קלאמערן מיר זיך איצט אזוי אין דער כותל־מערבי . . . און אפילו די לעצטע, איבערגעבליבענע — פארגינען אונז נישט די שונאי ישראל!...

* * *

אז מיר זאלן ווערן אצינד אינם פינפטע ראד אינם צעפארענעם קאפיטא־ליסטישן וואגן און דעם שטעקן גאר אריינשטעקן אין די נאך־וואקלדיקע רעדער פונם פראלעטארישן — מיר, וואס זענען געווען דאס אייל זיי צו שמירן — דאס וואלט געווען א שפיצל פונם טיוול!

און אפשר איז עס גאר אן אצבע אלוקים? האט דאך כביכול אליין אויך ליב אזא חוזק־שפיל: „ויחזק את לב פרעה״. . . ער שיקט משהן מיטן שטעקן צו באפרייען די שקלאפן און בשעת מעשה זאגט ער אים גאר „ואני אחזק את לב פרעה״. . .

אפנים אז גאט אליין האט ליב זיך א שפיל צו טון מיטן קאמישן בן־אדמל.

די יידישע מדינה, ווי אן איינגעזעסענע פעסטע מלוכה פירט איר געזונטע פאליטיק און אז מ׳ברויך צו זיין דיפלאמאטיש, איז מיט זיידענע הענטשקעס— ככל הגויים! און וואס מיט ישראל בין האומות, וואס הערוויל זיינען מיר נאך א דריי פערטל צעשפרייט איבער די תפוצות איבער דער גארער וועלט? אלץ האבן מיר שוין געווארפן אויף איין וואג־שול, אז דאס ציינגל ציטערט שוין נישט אפילו . . . איז טאקע די איינציקע עצה אן ערבוביא־מגיפה, חס־ושלום?

ווי טראגי־קאמיש ערשט: ווען גאט איז גרימיק אויף די יידן, רעדט ער אן דוידן צו זינדיקן און דוקא אזוי גאר, אינמיטן דער מגיפה ווערט ערשט גאטס שטאט די שטאט פון מלכי־צדק — א ירושלים השלימה. אז מ׳ווייסט שוין נישט צומאל אפילו „הו איז הו״*. . . אבער מיר, די ערשטע שקלאפן

* שמואל ב. כ״ד א. דברי הימים א, כ״א א.



באפרייטע, גאט׳סשעפעלע, בלייבן תמיד דער שעיר לעזאזל . . .

אזוי ציט עס זיך פרע־היסטאריש און ביבליש און איבער אלע דורות און עפאכע־ענעדרונגען ביזגל צום היינטיקן טאג. — א, דער אנגעזאמלטער צארן אין צעפלאמטע שקלאפן הערצער.

. . . יא, ווען דער וועזוף שפייט אויס זיינע פלאמען לאווע, שטייען אלע פארבליפט פארן גרויסן נאטור־וואונדער. אבער ביז די לאווע איז אפגעקילט און ס׳טרעט זיך אויס א נייער דרך־המלך בלייבט אין איר שטעקן נישט איין פוס און נישט איין פוס ברייט זיך אפ.

און די „ארכיטעקטן״ און „אינזשיניערן״, וואס כאפן זיך צו צום „רעדל״, בלייבן נישט ווייניק פון זיי באגראבן קבורת־חמור אונטער די מיילן־שטיינער, און די „וועג־ווייזערס״ ווייזן גאר: „לא זו הדרך״. . . — א פארפאלענער גאר אין אלף השישי.

אין צוואנציקסטן יארהונדערט ברויך מען שוין נישט קיין גיליאטינע, מ׳ברוקעוועט שוין מיט מענטשלעכע קעפ — גאנצע בולדאזערס.

אבער וויפל ס׳איז געבליבן פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע וועט פון דער רוסישער, מסתם, נישט ווייניקער בלייבן. אזוי איז דער אקסנ־שריט פונם בן־אדמל: איין שריט פאראויס און צוויי — צוריק.

בלינדע פערד דרייען מיר דאס ראד פון דער ערד גייענדיק אויפן חלום־לייטערל און דאס בייטשל צוגעבונדן צו אונזערע קעפ פייפט איבער אונז און מיר קלעטערן אלץ העכער און העכער, כאטש דאס לבנה־טעלערל אראפ־צוברענגען . . . און אז מיר קומען שוין אויבנ־אן, ברענגען מיר מיט א כאפטע מיט מייז.

דאס איז אלץ, וואס מיר דערגרייכן מיטן קאטער־קאמפיוטער — דאס ציפער־געציפער ציט זיך עד לסוף כל־הדורות נולן, נולן, אלץ גרעסערע אלץ רעדערדיקע.

איז א וואונדער דאס טייוול־געלעכטער אין אלע זיבן הימלען? גאט לאזט כאטש פון צייט צו צייט א טרער . . .

קארל מארקס, דער גאוניאלער בוכהאלטער, האט זיכער האר־געגוי פאר־שריבן און אויסגערעכנט אין זיין קרעדיט־און־דעביט בוך „דאס קאפיטאל״. אבער ער האט, מסתם, פארזעען, אז אין אונזער צייט וועט דער מינדסטער פראלעטאריער אויך שוין האבן א באנק־ביכל.—א מיט־שטוף מיטן קאפיטאל!

און חוץ אלעם! ס׳איז נאך פאראנען א גאנץ אנדערער חשבון! יעדער נפש מיט זיך אליין און מיטן יחידו־של־עולם.

סוף־כל־סוף און אין־סוף פון די אומענדלעכע וועלטן איז דאך אונזער גאנץ ערד־קיילעכל קוים א פינטעלע, וואס א פליג לאזט איבער און פליט אפ מיט א געזשום־געזאנג, צעשפרייטנדיק אירע „מעכטיקע״ פליגעלעך.

איז דאך נאך פאראנען, מסתם, א שטיקל סדר־העולם, אז דורך די אלע דור־דורות האבן מיר דאך אפגעשפארט דאס ווארט גאט און א גוטער סימן איז אפשר, אז דער מענטש איז עפעס מער ווי די חיה — די טרער.

גאנצע וועלט איין גרויסע משפחה,
די מענטשהייט איין צופרידן הויזגעזינט;
איין טאטע פאטער — גאט! און דער מענטש —
אלעמענס אויסגעהאפט בן־אדם קינד.

אלע אויסמישן מיט אונזער בלוט,
דערפאר איבער גארער וועלט אונז צעשפרייט;
פארברידערט, פארשוועסטערט, איין גרויסע
חדוהדיקן ששון ושמחה פרייד.

אבער אז אונזער בלוט פארגאסן,
ווי וואסער און אונז מיאוס פארשעמט אזוי,
מוז אפנים דאך־זשע פארבלייבן,
א ייד א ייד שוין און א גוי א גוי.

ווארום אויסגמישט וואס פאר א מענטש?
ווי שפלדיק זיין פנים וועט דאס זיין:
א געמיש פון מערדער און הרוג —
אויגן פון א לאם און וואלפישע ציין.

## יאזעפוס פלאוויוסביים שרייבן דאס קאפיטל מאסאדא

— ניינצן הונדערט יאר נאך מאסאדא — 1973 - 73 —

דער לעצטער טפח ערד פון אונטער די פיס פארשוואונדן,
וועלן מיר לעבעדיק צווישן הימל און ערד בלייבן —
שוועבן ווי די אדלערס, ווי די אינדן איבער בערג,
אין סקאלעס־שפאלטן באהאלטן, ברומענדיקע לייבן.

א קול־קורא אין מדבריות צו זיין מוז מען זיך,
פארוואגלטע חיה, אין וויסטעניש־וועלט ארומטרייבן;
דודס תהלימל־געזאנגען דעם מענטש צו ברענגען,
מוז מען קרישקעלעך פאר ארעמע פענסטער קלייבן.

גאט, א פאפאגיי אין שטייגל גורל־קוויטלעך איך צי —
דאס אומגלויבלעכע שווינדער מענטש זאל קאנען גלייבן!
דו וועסט דאך נישט אין מיר, פארלוירענעם, פארגעסן
דעמלט, ווען דיינע קינדער וועסט צוזאמענבלייבן.

זיצט ער איצט א סופר איבער הייליקער יריעה,
ווען ער נעמט איבער אלעזר בן־יאיר שרייבן;



אין דער טאגע — אין טלית געהילט, די פעדער פלאטערט,
ער פילט: יא, גאולה, עם־סגולה, כ׳הייב אן צו גלייבן:

א קידוש־השם עקידה פון א גאנצער עדה,
שארף געשליפענעם, מענטשלעכן שכל קוים באגרייפן —
אין די אויגן פון אייגן ווייב, פון זיין אייגן קינד
צו שחטן, א טאטע, א מאן דאס מעסער קאן שלייפן.

דאס איז נישט קיין נסיון, חריפיש אויסקלינגען —
אויף אייגענעם באפעל, אן שום שהיות, זיך געשחטן!
א בראנדאפער פון כשרע הענט אליין געברענגט זיך,
דאס זיינען נישט קיין קינדער פון א פאלק א פאריאכטן.

ער פרירט, פון זיין הויט גערונצל־שרעק ארויס ער קריכט —
פון זיין גרויליק פחד־פארפינסטערט לייב־און־לעבן!
ער שפירט, ער איז נישט מער ער, ער איז איינער פון יענע,
זיין לעצטן טראפן בלוט פאר זיין פאלק אוועקצוגעבן.

. . . ר׳איז א קינד, יוסף בן־מתתיהו איז זיין פאטער,
זיין הענטל איבערן פארמעט טוט זי אצינד פירן;
און נישט אותיות און נישט ווערטער און קיין שורות נישט,
פייער־פלאמען צעבליצט איצט זיין פארפינסטערט געהירן.

ניין, ער איז נישט מער קיין יאזעפוס פלאוויוס ביי א פולט,
א שפל, א פאררעטער, א מין הונט ביי א רוימער,
פאר זיין בליק אויף דער ברענענדיקער מאסאדא־מויער
אלעזר בן־יאיר דער טרוימער, דער „מה מליל" שומר.

ווי ס׳פלאמט אין זיינע אויגן, ווי ס׳פלאקערט אין זיין הארץ
דאס אנגעשריבענע, אליין ער קאן עס קוים לייענען;
פון טרערן זיינע אפלען צערונען, צעשוואומען,
זיין מיאוסן פארראט, זיין שפלות זיי טוען באוויינען.

נידריקער, טיפער פון א הונט א מענטש קאן זינקען,
קריכן אויף אלע פיר, ווען נאר זיין באלעבאס ס׳טוט הייסן — —
וואס מיאוסטער טויט קייגן דעם, שרעקלעכסטע יסורים,
זיין אייגן געביין איצט מיט זיינע ציין כאטש צעבייסן.

א מעשה זיך אליין אנטון! ציטערן זיינע הענט:
אין גליל, אין ידפת, נישט געקענט, לאז מיך איצטער —
— — — — — — — — — — — — — — —
אין ארעם אריין ס׳וואלט אים עמיץ־ווער גענומען,
און ביי זיין פערגאמענט ער בלייבט זיצט א באשיצטער:

זאלס זיין א לעצטער, יוסף, א טויטער און א סוף שוין,

אויף דעם לעצטן גורל־נומער ארויסגעצויגן ?
א לעבעדיקער, אן אומשטערבלעכער, איז דיין גורל,
יעדע רגע די הרוגים גרויליק פאר דיינע אויגן.״

זי פלאטערט די פעדער א צעציטערטע אין זיין האנט,
אין טיפעניש פון זיין הארץ זי האלט זיך אין איין טוקן,
און אין טויזנטער יאר נאך, ווער עס וועט לעזן,
זאל הארץ יענעמס פון אימת־מוות אויפצוקן.

נישט קיין פארראט ס׳איז געוועזן דעמלט אין ידפת,
עס האט דאך געמוזט עמיצער איבעריקבלייבן;
דאס שרעקלעכע, ס׳גרויסע וואס זיינע אויגן געזען
פאר די קומענדיקע דורות עס אויפצושרייבן.

די ווערטער פאר זיין מאסאדא־קאפיטל, יאזעפוס,
שטערן פון הימל און פערל פונם ים געטין קלייבן;
אז ווער זיי לייענען עס וועט, דער שפלדיקסטער שוין,
אין עם-סגולה, אין יידישער גאולה זאל גלייבן.

מאיר ניסנבוים

## אונזער צווייטער באזוך אין ארץ-ישראל

— א בריוו צו א נאנטן חבר —

טייערע פריינט אייזיק גאלדבערג און פרוי,

עס איז אזויעק א קורצע צייט ווי מיר, מיין ליבע פרוי און איך, האבן פארלאזט לאנדאן נאך אונזער נסיעה פון ארץ־ישראל. צוריקקומענדיק קיין ניו־יארק, פיל איך מיך נאך אלץ נישט ווי אין דער היים. עס שוועבט פאר מיר פארביי א מאדנע פאנאראמע, וועלכע ציט זיך פון יאר 1967. מיט אן ערך פון פינף יאר צוריק האבן מיר אייך אויך באזוכט נאך דער צוריק־רייזע פון ישראל. דאמאלס גענוי ווי דאס מאל האבן מיר זיך געפריידט מיט אייך און מיט אונזערע טייערע פריינט — פרוי לעזמאן און איר מאן, פאמיליע ברענער און אנדערע.

באזונדערס וועלן מיר קיינמאל נישט פארגעסן דעם צוזאמענטרעף מיט אונזער א. ב. שטענצל און מיט די טייערע פריינט פון „פריינט פון יידיש־לשון״, וואו מיר האבן ווידערמאל גייסטיק פארברענגט צוזאמען; אי־בערהויפט זענען די יארן ביי עלטערע מענטשן נישט אזוי גרינג צו ציילן ... דאך האפן מיר ווידערמאל זיך צו פרייען מיט אייך.

יעצט וועגן אונזער צווייטן באזוך אין ארץ-ישראל. דאס איז ווידער גע־וועזן א גרויסע איבערלעבונג פאר אונז, ווייל יעצט אלס א גרעסער ישראל

* מאיר ניסנבוים איז פון די גרינדער פונם קולטור-קלוב בשעת דער מלחמה.



ווי ביי אונזער ערשטן באזוך האבן מיר געהאט די מעגלעכקייטצו זיין אין אזעלכע ערטער ווי בית־לחם ביי דער מאמע רחלס קבר, ביי דער מערת-המכפילה, אין חברון, די קברים פון די אבות; באזונדערסביים כותל־מערבי אין אלט־ירושלים האב איך מיך דערמאנט אין מיין זער פרומער מאמען, וואס פלעגט פארגיסן טרערן לייענענדיק דאס טייטש־חומש, די צאינה־וראינה און תמיד דערמאנט גאט. אין זכות פון די אבות זאל ער שיקן א רפואה שלימה צו די, וואס ברויכן — פארשטייט זיך, אז פאר כל־ישראל . . . זי איז געווען א זאגערין, דאס הייסט זי פלעגט פארלייענען אין שול פאר די ווייבער, וועלכע האבן נישט געקאנט קיין אות אין סידור. אבער פרום זענען זיי אלע געווען אט די טייערע, גוטע, יידישע מאמעס. דאס האב איך מיך דערמאנט שטייענדיק ביי דער כותל־מערבי און אט די איינדרוקן האב איך מיר פארצייכנט, קומענדיק אין מיין האטעל אריין אין ירושלים.

עס איז געווען אין א בין-השמשות: איך קוק ארויס, די גאלדענע זון געזעגנט זיך מיט ירושלים דער גאלדענער . . .

די בערג פון יהודה זעען אויס אין מיינע אויגן ווי א כישוף. געדאנקען פליען מיר צוריק צו די קינדער-יארן און די חומש־צייטן . . . אלץ ארום אינספירירט מיך. איך קלער פון אונזער היסטארישער מלוכהשאפט, פון אמאליקע יידישע קעניגרייכן גוטע און שלעכטע אזויווי ביי אנדערע פעלקער; ביי זיי אפשר מער שלעכטע ווי גוטע . . .

די בערג פון יהודה זעען ביי מיר אויס עפעס ווי א גוף מיט א קאפ און אויף יעדן בארג א קרוין . . . און די בערג צוזאמען ווי די אמאליקע שבטים פון ראובן ביז בנימין און מיר — די אייניקלעך פון יענע ישראל־שטאמען — זענען דא צוריקגעקומען נאך א צוויי־טויזנט־יאריקער בענק־שאפט צו דיר — מאמע־ירושלים!...

ישראל, וואס פאר א קרבנות האבן מיר אלץ שוין נישט געבראכט, כדי צו זיין דא צוריק: איך האב מיך דערמאנט אין מיינע קינדערישע בענק־שאפטן, און א געבעט און עפעס א תפלה האב איך אין מיר דערפילט שטיי־ענדיק ביי דער כותל־מערבי. איך האב מיין קאפ צוגעלייגט צו דער וואנט און נישט־ווילנדיק האט א געוויין געשטיקט אין מיין האלז . . . איך בין געשטאנען ווי געבוקט אין דער טיפקייט פאר די בלויע הימלען פון ירושלים און ארץ־ישראל און געמורמלט שטיל און ווערטער: אייביקע הימלען פון אונזער לאנד ישראל, אנטוישט נישט מער אונזער פאלק און אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען געווארן געצוואונגען מקריב צו זיין פאר דער זינד פון דער וועלט זעקס מיליאן פון אירע קרבנות!...

מיין געפייניקט פאלק, זאל קיינמאל מער קיין אומזיסט בלוט נישט פארגיסן, אויב יא בלוט פארגיסן זאל עס זיין פאר דיין לאנד, וואס איז אונזערס פון גאט און פון דער געשיכטע באשטימט.

עס שרעקט נישט מער אונזערע שוועסטער און ברידער אין ארץ־ישראל און אומעטום דאס בילן און ברומען פון אלע בייזע הינט און שאקאלן!. . .

מיט א טיפן גלויבן אין דער אייביקייט וועט אונזער יידיש־פאלק פארבלייבן אין ישראל, אין זיין היימלאנד און אונזער פאלק וועט לעבן תמיד און אייביק!...

רבקה קאפע

## א מצווה...

מיט צווייערליי רעזערוון, צווייערליי מדרגות,
גוטס און בייז פירט מיט זיך דער מענטש זיין צווילינג-הויקער.
לערן זיך לאכן און שפייען —
ווי דער בלאזן אין משה לייבס „גאסן־פויקער"...

מען קען יעדן אמרו פערשלעפן מיט א ווילן,
איסבילן דעם ייאוש און א דיבוק פארהאנדלען,
אויף דער מוזיק פון ראסיני —
און טרערן אויף זילבערנע רענדלעך פארוואנדלען.

ווען טריבע הימלען קאלטע. דריקן אויף דיין געמיט —
און די נאכט ספאזמירט אויף אירע ווייען און ברומען,
פאר זיין זיסן וואטע־בערדל
נעם א וואלקן — א נס פון צוקער אויפן גומען...

ארויף אויף טרעפ פון צייט עס יאגן זיך די שעהן.
פארגלייכן קאן מען דאס צו א שיף אויף כוואליעס,
צי אויף יעקבס חלום־לייטער —
נאר אין יעדן טאג, זע לויטערע התגלות.

צי פארלאנגט דען דאס פארטיפונג און באזינונג?
מארגן קאן פון גאטס ביים שטראלן יונגע בליטן
און ווי גליווער־אומעט אויף פרייד,
וועט ווידער נאכט אויף מילכטאג זיין אויסגעביטן.

יאקוב דזשערגאווסקי

## צוויי פעלדשערס

(פונדער סעריע: טיפן פון מיין שטעטל זאקראטשים)

נאך דעם טויט פון פעלדשער ישכר אייזענבערג, זענען דאמאלס געקומען פון יאבלאנגא, א גרויס דארף נישט ווייט פון ווארשע, צוויי יידישע פעלדשערס, פאטער און זון, די וואסאנגאזשעס, וועלכע זענען געווען מער פריזירער ווי פעלדשערס. די שטאט האט פון זייערע מעדיצינישע קענטע-



ניש נישט געהאלטן און זייערע מעדיצינישע הילף נישט געפאדערט.

דער אלטער ר׳ בער וואסאנגאזש, א נידריק שווער געפאקט יידל, האט זיך אין זיין גאנג זער לאנגזאם באוועגט, האט אים די שטאט גערופן „בערן־טרייבער". זיין זון דוד, שטענדיק א געפוצטער און ציכטיק געקליידערט, האט זיך געהאלטן פאר מעדיצינישער מומחה. די שטאט האט פון אים געלאכט און אים גערופן „דער פליגן דאקטאר". ווען עמיצער פון די שטאט־ארעמקייט וועלכער האט נישט געקאנט צאלן פיל פאר מעדיצינישע באהאנדלונג, האט גערופן דעם אלטן וואסאנגאזש אדער דעם זון זיינעם, דוד, צו באהאנדלען זיין קראנקן, האט ווער עס זאל נישט האבן געקומען, צי דער פאטער, צי דער זון, גע׳טענה׳ט, אז מען ברויך צו האבן א קאנצוליום, דער פאטער האט געהייסן שיקן נאך זיין זון, דער זון האט געהייסן שיקן נאך זיין פאטער. זענען ביים קראנקן געזעסן די ביידע „יאקטוירעם" באטראכט און באטאפט דעם קראנקן, גערעדט צווישן זיך נישט פארשטאנענע ווערטער, פון אנ־אייגענע אויסגעטראכטע „שפראך", וואס דאס האט געזאלט הייסן, אז זיי רעדן „לאטייניש" מעשה דאקטוירעם, באשטימט א דיאגנאז וועלכער איז געווען א סוד און געשריבן רעצעפטן, ווען עמיצער האט זיי געפרעגט דעם כאראקטער פון די קראנקייט, האבן זיי אים אנגעקוקט מיט א מינע, ווי איינער וואלט וועלן זאגן, אז מען וועט דיר שוין יא זאגן, וועסט דו דען פארשטיין? און צוגעגעבן, נו! נו! זאל נאר דער קראנקער נעמען ווי געהעריק די מעדיצינען וועלכע מיר האבן פארשריבן, וועט דער קראנקער, מיטן אייבערשטן׳ס הילף, געזונט ווערן, וואס פארא רעצעפטן האבן זיי פארשריבן? דאס האט זיך שוין געווענדעט אויף וועלכן ארט די קראנקייט האט זיך געפונען, לויט זייער דיאגנאז, פארשטייט זיך. איז די קראנקייט געווען אונטערן פעמפיק, איז די מעדיצין געווען „רעצינא", איז די קראנקייט געווען העכער פון פעמפיק, די מעדיצין „אספערינא".

## דער שטרייקער שמואל סטאניסלאווסקי און דער צאר ניקאלאי

די יאפאנישע מלחמה און די שטרייק־כוואליע, וועלכע האט זיך געטראגן אין די יארן 1904־1905 איבער דער צארישער אימפריע, האט מען ביי אונז, אין פוילישן שטעטל זאקראטשים, ווייניק געפילט. מען האט עפעס געהערט, אז ס׳איז א מלחמה, מען שלאגט זיך אין ווייטן מאנדזשוריע מיט קליין־געוויסיקע יאפאנטשיקלעך מיט לאנגע צעפ. מען האט אויך געשמועסט, אז אין ווארשע, אין לאדזש, אין פיטערסבארג און אין נאך שטעט זיינען דא שטרייקער.

וואס ס׳איז אזעלכעס „שטרייקערס" האט מען גענוי נישט געוווסט, עפעס דארט א הפקר־חברה, אחדות־יונגען, וואס עס געפעלט זיי נישט דער קייסער אויך זאגן זיי, אז די וועלט האט נישט גאט באשאפן נאר עפעס איינער א נאטור, אז א מענטש שטארבט — קלערן זיי אויך אויף — איז עס נישט יציאת־נשמה נאר די עלעקטריע איז ביי אים אויסגעגאנגען...

מען האט אויך געוווסט, אז א יונגערמאן פון אונזער שטעטל, א שניידער־געזעלן, וואס ארבעט אין ווארשע, איז פון „יענער חברה“.

ווען שמואל איז אמאל אהיימגעקומען אויף שבת אדער יום־טוב צו זיינע עלטערן, האט מען אויף אים אנגעוויזן מיט שרעק: דא גייט א שטרייקער.

מען האט דערציילט, אז איינמאל איז שמואל ארויפגעקומען א צעקאכטער צו זיינע עלטערן אין שטוב, האט געכאפט א קיך־מעסער און אנגעהויבן שארפן. די מוטער זיינע א דערשראקענע, פרעגט אים: שמואלשי, וואס טוסטו? „ניין, מאמע — האט שמואל אויסגעשריגן. — ניקאלאי טאר ביי מיר נישט זיין קיין קייסער!“

שמואל סטאניסלאווסקי איז געווען א שטיקל פראנט־פאצעט, זיך ליב געהאט ציכטיק צו קליידן, אין שיין אויסגעפרעסט אנצוג, לאקירטע שיך און א הארטן קאפעלוש. א ווייס־געפרעסט העמד מיט שטייפע מאנקעטן, א בעסערן קראוואט מיט א זילבערע שטילקע־שטעקן דערין, וואס אין זאקראטשים האט מען אין יענע צייטן אזעלכעס נישט געזען. שמואל האט זיך געהאלטן גרויס קעגן זיינע חברים מיט זיין שיין אנטאן זיך, ספעציעל מיט זיין הארטן קאפעלוש.

זיינע חברים האט דאס שטארק פארדראסן שמואל׳ס בלאזן זיך קעגן זיי, האבן זיי באשלאסן אים אפשפילן א שפיצל.

שמואל און זיינע חברים זענען געווען פארזאמלט אין א שטוב און פריילעך פארברענגט, האט איינער פון זיינע חברים, אייזיק, אים געבעטן צו געבן אים דעם הארטן קאפעלוש אנצומעסטן, צו זען ווי עס קליידט אים. אייזיק שטייט קעגן שפיגל באטראכט זיך ווי ער זעט אויס אין הארטן קאפעלוש, הערט ער ווי איינער שרייט אויס, אייזיק! דו ווייסט גארנישט, דיין באבע איז געשטארבן! וואס? וויינט ארויס אייזיק, מיין באבע איז געשטארבן? ווי איז מיר! מיין באבע איז געשטארבן! און הויבט אן זיך שלאגן מיט זיינע פויסטן אין קאפ אריין, פארשטייט זיך, אז די קלעפ זענען געפאלן אויף דעם הארטן קאפעלוש.

שמואל א דערציטערטער, שרייט, אייזיק! דו צעברעכסט דאך מיין קאפעלוש, אייזיק ווידער, מאכט געוואלד, אוי ווי איז מיר, מיין באבע איז געשטארבן און שלאגט דעם הארטן קאפעלוש.

א. נ. שטענצל

## פארן לעצטן געראנגל

3

די היסטאריע פון דער געשיכטע הייבט זיך אן מיט אזא מעשה:

דעם פארגאנגענעם ערב־פסח בין איך געזעסן אין ראמאנישן קאפעע כמעט איינער אליין. איילט אדורך ארנאלד צווייג צווישן די ליידיקע טישלעך ווי ער וואלט וועמען זוכן; איז זיין קורצזיכטיקער פריינטלעכער בליק ממש ארויפגעפאלן אויף מיר — אט איז ער טאקע וועמען ער זוכט! הייסט עס.



איך האב, מסתם, אויסגעזען ווי א „חמצדיקער ברכי“ — ס׳איז דאך ערב־פסח! . . און ער ווי א ייד, וואס זוכט א בכבודיקן אורח צום סדר.

ער וועט זיך דאך נישט יעצט אנידערזעצן ביי א טישל אנגעשטעלט מיט חמץ, בלייבט ער שטיין אויף איין פוס מיט א העלדישן ערנסט און זיין קול כלומרשט ווי פון פוצן־זייט:

ער האט געהערט פון דער לאסקער־שולער, אז כ׳האב אנגעשריבן א זאך. זי וואלט געוואלט איבערזעצן, אבער אזויפיל יידיש קאן זי דאך נישט — אן עלבערפעלדערין! איך בין דאך אבער א שלעזישער, ממש א קאטאוויצער, פון א דערפל אויף דער זייט — גיט זי מיר!

און שנעל האט זיך דער טאן געענדערט, ממש שלא מן הענין; אבער די פריילעכקייט, די יום־טובדיקייט פונם ריידן איז געווען, אז ס׳איז דאך געבליבן ווי אן ענין מתוך הענין:

„ווייסט איר וואס, גייט אהיים, מאכט זיך פסחדיק, זייט ביי מיר מיין אליהו הנביא־גאסט צום סדר און ברענגט מיט די זאך“.

„כ׳ברויך נישט ערשט אהיימצוגיין, כ׳האב די זאך דא ביי מיר. ס׳וועט אבער זיין צו שווערלעך איינצובייסן — ס׳איז אביסל מרורדיק“.

מיר האבן ביידע א הנאה געהאט פון אונזער יידישלעך־היימישן שמועס — ער נאך מער ווי איך.

ווי ווייט איז זיין פרייסיש געבוירן־שטעטל — ער האט אנגערופן דעם נאמען — פון מיין טשעלאדזש? קיין צוויי פוילישע מייל נישט! און די פסח־אטמאספערע און די סדרים־זכרונות, די קינדהייט־נאסטאלגיע — מסתם די אייגענע . . .

איך האב ארויסגענומען דעם כתב־יד פון דער בוזעם־קעשענע און אים געגעבן.

„א, ער איז נאך ווארעם, א מצה של מצוה פון אויוון ארויס!“ פונם אויסזעען פונם מאנוסקריפט האט ער פארשטאנען, אז אויב איך מוז ערשט גיין מיך „יום־טובדיק מאכן“, קום איך שוין בעסער אינגאנצן נישט. האט ער שנעל צוגעלייגט: „וויסן זי וואס, קאמען זי גלייך מיט מיר מיט. ביז וואס וועט אינד „כאפן“ דרויסן א פרילינג־שפאציר ביי אונזער ׳זעע׳.“

האט זיך מסתייע־מילתא געווען, אז אין זעלבן הויז האט געוואוינט אלכסנדר כאשין. האב איך, שטאט צו מאכן א שפאציר, ביי אים אנגעקלונגען.

אנקוקנדיק כאשינס פרוי, די איידלקייט פון א היימישער, רבנישער טאכטער, האט מען געקענט זיין זיכער, אז אין דער וואוינונג ווערט אין די גאנצע אכט טעג פסח נאר געגעסן מצה־שמורה . . .

יא, כ׳האב פון כאשינען אויך באקומען אן איינלאדונג צום סדר — מיטצופארן מיט אים אין „„יידישן קולטור־קלוב“ אריין צום „בעזבאזשניק“, חמצדיקן סדר.

דאס אלץ איז געווען מיט א דריי חדשים פריער, א וואך פאר מיין אינטערגענומענער וואנדערונג קיין באזעל.

איצט, ארויפקומענדיק צו עטא פעדערן־קאולהאוז, איז מיר שמואלס סוד קלאר געווארן:

איך ארנאלד צווייג האט זיך גענומען דאס „פישער־דארף“ צו איבערזעצן, אבער דערפילט, אז ס׳איז נישט קיין „שמאנצעס“ — אן „אסט־יודישע“ — סענטימענטאליטעט פאר א „פייערטאג“ ביילאגע; אויך נישט מיינע פריערדיקע לירישע איך־לידער, וואס האבן זיך לייכט געקענט טרערנדיק „איבערגיסן“. . . אז ס׳איז פלאסטיש געזעען און בילדלעך אויך אזוי געהעמערט און אזוי מוז עס אויך ווארט פאר ווארט מיט א דלאט געגלידערט ווערן — האט ער עס איר איבערגעגעבן.

„זי איז א סופרס א טאכטער, — יא, איר פאטער איז געווען א „טארא״־שרייבער. און זי קאן דעם אידיאם און זי גלויבט ס׳איז ארויסגעקומען“ —

„נאר איין זאך, וואס זי וויל. זי האט איך שוין באשמועסט מיט אלפרעד ריכארד מייער, דעם סעקרעטאר פון לירישן קארטעל ביים פען־קלוב, אז די נעמען — די איינציקע צוויי נעמען, וואס געפינען זיך אין דער ׳לירישער עפיק׳, יאן און מארושא — זאלן אויך איבערזעצט ווערן אויף מאריא און יאהאנעס“.

איך האב זי שארף אנגעקוקט, אבער גערעדט איינגעהאלטן, שטיל ווארט פאר ווארט: „אויב איר קאנט דאס פארלאנגען, ווייס איך נישט צי איר זענט טאקע די פאסיקע פערזאן עס איבערצוזעצן. צווייג האט עס ערלעך צוגעגעבן, אבער איר . . “

זי האט דערפילט, אז עס הייבט זיך שוין מיין טאן און די ווערטער יאגן זיך, האט זי שנעל אנגעהייבן:

„ערשטנס איז עס נישט וואס איך וויל, נאר אלפרעד ריכארד מייער, ער איז דער סעקרעטאר און דאס בוך זאל ארויס פון קארטעל און צווייטנס —“

„אז ווער ברויך עס אינגאנצן איבערצוזעצן? איך האלט, אז אזוינס איז בכלל אוממעגלעך — פאעזיע איז דאס אינטימסטע פון יעדן פאלק זיין איך, זיין פאר זיך . . .“

זי האט געזאלט ארייננווארפן עפעס, אבער איך האב שוין ווייטער גע־צויגן און ווי צו מיר אליין:

„אז דאס גאנצע בוך וואקסט דאך ארויס פון דער לייבהאפטיקייט פון די צוויי — דער ים און די ערד שמעקן דאך מיט זיי! כדי אנצוהייבן א מעלאדיע, מוז מען דאך האבן א טאן — יאן! און דאס לייב פון מארושא קנעט זיך דאך ווי ליימיקע ערד.

„אויפן אינזל וואלין און נייענדארף איז די זון געווען דאס טעפער־ראד און דער ים האט געטריפט דערפון — נישט בחינם האב איך אנגערופן יעדעס



קאפיטל ׳א שטיל לעבן׳.

„פערצן לידער פון בוך, מאקע מיטן אונטער־קעפל ׳שטיל לעבנס׳ זיינען לעצטנס אפגעדרוקט געווארן אין א ווילנער ליטעראַרישן זשורנאל, וואס דער רעדאקטאר, זייענדיק דא, האט זיי ביי מיר גענומען. אבער די סטראפע, איר זעט:

׳בלייבט ער שטיין, דער גרויסער באטשאן
אויף זיין אויסגעבעטן שטרוי־דאך,
הויבט אויף א לאנגן, דארן פוס
צו זיין נידעריקער ראיה,
און טראכט צו א הארבלעכן ענין׳

האט ער, לא־עלינו, נישט פארשטאנען אדער זי געוואלט אפנים בעסער מאכן און זי אזוי אומגעלומפערט צעדרייט, אז ווען כ׳האב עס דערזעען האב איך געמיינט, אז א שלאק טרעפט מיך.

„אז כ׳וועל אים טרעפן, וועל איך אים זיכער ארויסרופן אויף פעטש. איר זעט, ליבע פרוי פעדערן־קאולהאוז, די הענט ציטערן מיר — — —“

„ניין, ליבער הערר שטענצעל, מיר וועלן זיך נישט צעפאטשן — עס בלייבט יאן און מארושא“.

דאס „פישער־דארף“ איז דערשינען, געהאט גוטע קריטיק און מען האט אפט געלייענט אויפן ראדיא.

די איינבעקערין איז צוריקגעקומען געזונט און פריש, גענומען א וווינונג אויפן וועדינג — אינם מיטלפונקט פון דייטשן פראלעטאריאט!

געמיינט דאס געראנגל איז אדורך: געהאט א שטוב, א בעט, א טיש, ביי וועלכן כ׳האב טאקע אנגעשריבן די טרילאגיע, „משה מאץ, יאשקע בעל־מום און דער פרעסער“, און כ׳האב שוין דעם כתב־יד נישט געברויכט ארומצו־טראגן אין בוזעם־טאש — ער איז זיך שוין געלעגן רואיק אין טישלעדל.

אנגעהויבן ארויסציגעבן דעם ליטעראַרישן זשורנאל „בערלינער בלעטער“; אבער פון די קאפיטלעך פון א גרעסערער דערציילונג, ארטיקלען איבער מאלעריי און די אלע לידער געדרוקט דעמלט איז קיים געבליבן די „בער־לינער סאנעטן“, געדרוקט אין א דייטשער זאמלונג „צעלטן“, איבערזעצט פון ע. וועלער — די אלע זאכן האב איך נישט אין יידיש.

עס איז אויך דעמלט ארויס אין „שטאמפ־פארלאג“ מיינס א ביכל לידער, „רינג דעם סאטורן“, איבערזעצט פון ע. וועלער, וואס קיין איינס פון די לידער האב איך אויך נישט אין יידיש.

איך כאפ אזוי איינס אין אנדערן אריין אן סדר און נישט ריכטיק אויסגעפירט און צוגעפירט, ווייל כ׳וויל דאך די קאפיטלעך פונם בוך, „גע־ראנגל“, צופירן צו א געוויסן טאלק.

„האב איך א ברויט, א בעט, א בוך צום לעזן,
אבער וועם ס׳הארץ אוועקצוגעבן האב איך נישט“.

פון דעם ליד, געשריבן אין בערלין, 1922, געדרוקט אין בוך, „און דו

ביסט גאט", ארויסגעגעבן אין לייפציג, 1924, פון ד"ר א. זוהל אין „מענעס־פ'רלאג", ביז צו דער דערגרייכטער „רעאליטעט" — עס ביאגראפיש צו רעאליזירן, וואלטן פרישע טויזנט פיר הונדערט זייטן איך נישט גענוג געווען.

און אצינד וואס כ'רוק מיך שוין, ברוך השם, א וואקלדיקער צו די שמונים און בין שוין א שטרויענער מלאך, וואס קאן אפילו קיין איין שליחות נישט ריכטיק אויספירן — די שכחה הייבט שוין אן צו געוועלטיקן מיט איר גאנצער מאכט איבער מיר; — וואלט איך דאך נאך געוואלט כאטש מיינע לעצטע זעקס יאר אין בערלין — שווערסטע מסתם און זיכער די פרוכטבארסטע — מיט ראשי־תיבות שטריכן כאטש צייכענען.

און מיינע זעקס און דרייסיק יאר — די שתי פעמים ח"י! — אין ווייטשעפל זיינען אויך צו עפעס מחייב; אז אויב נישט צו מיין ארבעט און צו דעם טוץ ביכער דא ארויסגעגעבן, איז צו אסך חברים און נאנטע מענטשן דא —

אפשר יא. מיר האבן דאך א גוטן גאט; אבער ווער ווייסט אפשר איז עס גאר גלייכער, אז ס'זאל דווקא נישט אויפגעשריבן ווערן?. .

ווי איך כאפ אזוי איינס אין אנדערן אריין, איינס איבערן אנדערן, איז לאמיך כאטש ענדיקן דאס קאפיטל „פארן לעצטן גערא‌נגל", וואס איז דאס לעצטע קאפיטל פונם בוך, „גערא‌נגל", מיט אן עפיזאד, וואס ליגט מיר שוין לאנג אויפן הארץ און אצינד כאטש פארקריצן מיט קורצן שטריך ווי ס'איז בכל־אופן נאר מעגלעך —

איין טאג זיץ איך אין מיין שטוב און טאקע ביי מיין שרייבטיש און כ'הער א קלאפן אין מיין טיר. איך גיי עפענען, שטייט א מענטש א טונקעלער, א הויכער, א פעסטער, אין אפאר גרויסע שטיוול און שטעלט זיך פאר מיט א גראב קול: „לעוו!

„בערגעלסאן האט מיך צו אייך געשיקט איך זאל אייך פארלייענען מיין מעשה".

„בערגעלסאן מוז צו מיר שיקן? ער ברויך מיין הסכמה?"

הכלל, ער האט איינמארשירט אין דער שטוב אריין אין די צווי שטיוול הילכיק און מיט קוראזש, ווי נאשפיץ פון אן איינגעבראזטער מאסע, טראגנדיק די פאכענדיקע פאן פארויס.

דאס לייענען איז אויך געווען אזוי: האפ־סטאפ! האפ־סטאפ!

„די מעשה" איז דווקא געווען א גוטע דערציילונג. איך האב עס אים געזאגט, אז די מעשה געפעלט מיר. איך געדענק נאך דעם נאמען — „דער פאפ".

ער האט זיך געזעגנט און ווידער אזוי ארויסמארשירט: האפ־סטאפ, האפ־סטאפ!

איך האב א גאנצן טאג שוין קיין מנוחה נישט געהאט און ווי ס'איז נאר נאכט געווארן מיך געלאזט אין ראמאנישן קאפעע אריין צו טרעפן



בערגעלסאנען: „איר מוזט האבן מיין הסכמה?"

כ'האב בערגעלסאנען נישט געטראפן. דעם צווייטן טאג אויך נישט — מסתם האט ער געפילט, אז איך ווארט אויף אים מיט א מין טענה.

דעם דריטן טאג קומט ער אריין, גייט צו דירעקט צו מיין טישל און טוט דעם פאלטן נישט אויס:

„סטענצל, ווילט איר קומען מיט מיר טרינקען א גלעזל בראנפן?"

איך קוק אים אן פארוואונדערט; איך קען אים שוין א זיבן־אכט יאר: מה היום מיומים?. . .

מיר שטייען אין א בערלינער קנייפע ביי דער טאשעוואניע. מיר טרינקען איין גלעזל, צווי, ער שווייגט; און איך אויך. פלוצלינג גיט ער זיך א דריי אויס צו מיר: „דער יונג וועט מיך הרגענען; זיי ווילן אים דווקא מאכן פאר א גרויסן שרייבער — און זיי ווילן מיין הסכמה". ער שווייגט, ער מוז פארבייסן זיין כעס.

„נו, האב איך אים געשיקט צו אייך, שנים שעשו פטורים?" האט ער זיך צעלאכט מיט א מין געהארישן געלעכטער, וואס קלינגט מיר נאך איצט אין די אויערן.

מיר האבן זיך געדרייט איבער די בערלינער גאסן און געסלעך אין יענער נאכט, אסך אסך גערעדט און נאך מער געשוויגן.

מיר זיינען אזוי צוגעקומען ביזן פאטסדאמער פלאץ און פון דארטן אהיימגעפארן יעדער אויף זיין זייט מיטן לעצטן צוג.

## דאס ווינטער־ליד פונם דאמב

ווי פון נאטן־בלעטער פייגל געזונגען פון זיי,
ווען די בלעטלעך זיך געוויקלט פון מיינע צווייגן;
עופהלע צו עופהלע שטילינק זיך געטוליעט,
פארטרוימטע, איינגעטוליעטע אין זיסן שווייגן.

אצינד אן קנאספ, אן ווערעמדיק פרוכטל אפילו,
זעט מען ערשט בולט ווי ברייט צעצווייגט מיינע צווייגן;
די הנאה: אין די בייזעסטע שטורעמווינטן
צו קענען שטיין א שטילינקער אזוי און שווייגן.

## פערוויאנעטער נארציז

קיין בלעטל אויף צווייגל נישטא שוין,
אן אויפהער קאפעט דער רעגן;
אין די ריטשקעס בלאטיק געשפיגל
פון מיין פנים איך באגעגן.

אפנים איך רייד צו מיר שוין, כ׳זע
די ליפן פון בילד באוועגן — —
„חלילה“, הער איך דייטלעך ענטפערן:
„ס׳איז דאס געטריף פונם רעגן“ . . .

## תחת כנפי השכינה בגנזי מרומים

אז מ׳קאן נישט מער טון, זיצט מען און מען ווארט,
אביסל געדזשימיעט, א קאפ צוגעשפארט;
צי האט מען דען אן אנדערע ברירה?
יאגט מען זיך, איילט מען צו דעם במהרה.

ס׳ביסל מנוחה נאר ווען מען ווערט אלט!
וואס ס׳געאייל? ס׳געבלאז? מ׳ווערט ממילא קאלט — —
וואס דערנאך? כאפט עס דער מלאך-דומם!
תחת כנפי שכינה בגנזי־מרומים — — —

## ב י י ם   ט ו י ט נ ב ע ט — בינענפעלדן לזכרון —

אויפן לעצטן בריקל שוין גייענדיק,
עס וואקלט-מיט דער אייגענער טראט;
פון אלע נאנטע מען גייט אוועק,
באגעגענען ס׳פנים פון גאט —

אין טויזנט געשטאלטן געמאלן,
צומאל אבער קיין איינס נישט עס האט! —
ס׳ברעכט צוזאם דאס לעצטע בריקל
אינם שפיגל־צעשפליטערטן סוד.

ב

איינער נאך צווייטן רוקט זיך אוועק,
איבערצובלייבן אליין — א שרעק!
האב נישט קיין מורא, בלייבסט נישט אליין,
נאך זיי, מסתם, וועסט אויך באלד נאכגיין —

בארג אראפ איז דאך איילִיק דער גאנג,
נישט ברויכן שוין צו ווארטן צולאנג.
מסתם אבער נישט אזוי געשווינט,
אלט, איז דאך דער שריט שוואך שוין אצינד . . .

ג

מען קען דאך נאר דערלעבן טויט
ביי א צווייטנס גסיסה-בעט:
אומגעפער אזוי אפנים זיין
ווען אליין גיין שטארבן מען וועט —



א טרוים ס׳לעבן, זיין פתרון דער טויט,
ביידע צו פילן, צו פארשטיין,
מוז מען קאנען א צווייטן ליבן
פונקט אזוי ווי זיך אליין.

ד

. . . פונקט אזוי ווי לעבן, אזוי טויט,
זיי בלייבן ביידע אייביקער סוד;
נישט נאר א צווייטן — זיך אליין מ׳קאן נישט
משיג זיין ווי מ׳איז נישט משיג גאט.

איז מעגלעך אזוינס? א משכחת?
קאן אמאל מקוים ווערן דער טרוים?
אז רק זיך אליין מ׳זעט נאר, צומאל,
אויף לעצט בריקל איבערן תהום.

## ווערבע איבער געפרוירן טייכל

די ווערבע איבער טייכל געבויגן,
ווי טרויעריק זי זאל נישט זיין,
ווי די טרערן טריפן נישט זאלן,
ז׳איז קיינמאל נישט איינזאם אליין.

בלויז ווען צו איר בארוועס צופיסנס,
טייכל פרירט איין און דער שניי פאלט,
ווערט שפיגל ווי מיט ליילעך פארהענגט,
און זי מיט איינמאל גרוי און אלט.

## אז מ׳שטארבט קוקט מען נישט מער דורכן פענסטער

באבע דאבעלע געבליבן אלט און אליין,
איז זי ממש די גאנצענע מעת־לעתן,
ווינטער ביי די פעסט־פארמאכטע און זומער
ביי די אפענע פענסטער זיך געזעסן.

האט אן אייניקל צו איר איינמאל געזאגט:
„די באבעשי האלט אין איין ארויסקוקן“,
„אז מען שטארבט, קוקט מען נישט מער דורכן פענסטער“,
און דעם שטול נאך נעענטער געטון צורוקן.

## ט ו י ב ן . . .

צוויי טויבן אין בלאנק-צעבליצטע שויבן,
טוליענדיק ווי אונטער קראקווע געזעסן;
פלוצלינג ברעקלעך ווער זיי צוואווארפט, איז כאטש
איינס ס׳אנדערע לייבהאפטיק אויפצופרעסן.
מיט נעגל־און־ציין געגראטשעט, געביסן,
ביסן פון מויל זיך ארויסגעריסן.

איבער ברייזעלע ברויט, א קרישקעלע,
די גוטע טויבן מיט די פרומע אויגן!

אין זומער־טעג זוניק צעזינגט, צעזשומט,
קומט א בין, א מיק, א פליג אנגעפלויגן.
אבער נ׳וויסטן ווינטער, ווינטיק־מיאוסן
ס׳האלט אין איין רעגענען, אין איין גיסן.

2

א גאנצע נאכט מיט האלבן טאג דערצו
האט דער רעגן געהאלטן אין איין גיסן;
ווי זון נאר פון אונטער וואלקן ארויס,
ווארעם פון דער ווייכער ערד זיך געריסן:
„געניסן די ווארעם־ליכטיקע פרייד!"
און מיט איין דריי זיך גאנץ ארויסגעדרייט.

ווי אים די טויבן נאר דערזען האבן,
א פלי־אראפ — געהאט א גוטן ביסן!
נ׳טויזנט פראגע-צייכנס ווארעם זיך דרייט,
„פארוואס נאר?" דאס בלויז וואלט ער געוואלט וויסן.
„זוכסט געוויסן"?! לאכן בײדע פארשייט,
און צום פליען די פליגל ברייט צעשפרייט.

3

היינט זיצן קיין טויבן פאר מיין פענסטער,
ביז צום פארטויבן מרוקעט א רעגן,
אבער דער ענטפער אלץ דער זעלביקער,
אויף אלע פראגן וואס ר׳זאל נישט פרעגן —
אזוי איז דער מענטש, אזוי דו אליין,
עס העלפט נישט, ס׳נוצט נישט זיך אויפרעגן.

יא, ווען עס שיינט א לכטיקע די זון,
שיינט עס נאר אז ס׳איז א ביסל בעסער;
א הונגעריקער תמיד דער שוואכער,
און דער שטארקער, א זאטער, א פרעסער —

איינער טוט עס מיט רעגן פון ווערטער,
א צווייטער מיט בלוט טריפנדיק מעסער.

* * *

וואס איז דען דער רעגן געטריף?
דאס זיינען פאלנדיקע טרערן!
אזוי-א ס׳ביסל לעבן איז,
און אנדערש ס׳וועטקיינמאל נישט ווערן.

אבער ווייל נישט בלויז פון ווייטאג,
נאר אויך פון גרויס מיט־לייד זיי רינען,
דערפרייט זיך דאס הארץ פון דער ערד,
און דערפרישט ווערט מיט זאפטיק גרינען.

און אז נאך א פרילינג ס׳וועט קומען,
און איך נאך אלץ א לעבעדיקער בלייבן,
לידער שרייבן, נחת פון זיך קלייבן —
א מיק צעזומט מיט סמיקישן ברימען?

וואס פייגל געזאנג, צעבליטע צווייגן,
וואס ליכטיקע זון, שטראלן פארשפונען,
אויב זיך אליין מען קען נישט געפונען,
איינוואַרצלען אין זיך, אין טיפן שווייגן?

## חמשה-עשר בשבט ראש-השנה לאילנות

פונקט ווי מיט קערלעך פול די מילגרוימען,
אזוי אונזערע קעפ פול מיט טרוימען;
בלויז אידער וואס, אידער ווען, זיי ווערן
אויסגערונען מיט אונזערע טרערן.

אבער וויפל די קערעלעך נישט זיינען,
דאך א סכום דא, טא פארוואס דאס וויינען
קיין סוף נישט נעמט און וויל נישט אויפהערן,
און אן אויפהערן עס רינען די טרערן?

ווייל מאנכע חלומות אזוי פלאמען,
זיי צו לעשן ברויך מען גאנצע ימען,
און וויפיל די טרערן זיך נישט מערן,
שטערן־טרוימען נישט פארלאשן ווערן.

יא, ווי לאנג זיי זאלן זיך נישט זוימען,
פלאם־פייערדיקע, צעפונקלטע טרוימען,
מקוים אמאל זיי וועלן דאך ווערן,
מיר טארן נאר צו טרוימען נישט אויפהערן —

פונקט ווי די מילגרוימען פול מיט קערלעך
נישט פארזוימען אויפצוגיין יאר־יארלעך;
וואס מערער די וועטערן נישט שטערן,
אלץ וואונדערלעכער, שענער זיי ווערן —

אזוי די קעפ אונטער טרוים געבויגן,
פון ווארטן פארלאשן שוין די אויגן,
זאפטיק אויפגעפרישטער ווידער ווערן — —
דער רעגן און טוי אויף זיי — די טרערן.

## „היש בה עץ״?

וועלן מיר זיך וואָרצלדיק פאַרפלאַנצן,
ווי די ביימער פעסט אין טיף אין דער ערד,
וועט קיינער אונז אַרויסרייסן קענען,
אין נישט פאַרטיליקן אונז ס'וועט קיין שווערד.

זייַנען גרענעצן פאַראַן פאַר וואָרצלען,
און פאַר פּירות אויף צעבליטן געצווייג?
גאַט ווען שוין וועלן די מאַרד מכשירים,
פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרבעטס־געצייג?

## שמשון הגבור און גלית הפלישתי

נישט פלאַקערדיקע פייער־פלאַמען
געשטעקט צווישן פוקסנעקן,
קינד און קייט אויפצושרעקן,
זקנים פאַרטומלען, פאַרטאַמען;

נישט בלוט פאַרגיסן גאַנצע ימען,
הינט סלינענדיק זיך באַלעקן,
ס'איז דער צוועק פון אַלע צוועקן
ברידערלעך אַרבעטן צוזאַמען.

נישט מיט קליגסטע ווערטער מ'קאָן געבן
פּתרון אויף האַרבער חידה לעבן — —
שטאַרקער ווי שמשון העלד מוז זיין

די זיילן מיט כל־הגעוואַלטן
נישט איינברעכן, נאָר פעסט זיי האַלטן,
ווי וואַקלדיק וועלט — ווייטער שטיין!

ב

גלעית הפלישתי איך פאַנצער אין שווערן,
מיט פייל־און־בויגן אַן אַנגעגורטער שטייט;
דודל תהלימדיק אים אַקעגן גייט,
שטיינדל פון זיין שליידער טרעפט אין שטערן.

האָט דער גרויסער העלד געמוזט אויפהערן
מיט זיינע לעסטערנדיקע זידל־רייד;
אַז סטראַשידלע ליגט אויף דער ערד אויסגעשפּרייט,
וואָס קאָן זי שוין אַסך די פייגל שטערן?

און דודל זיין תהלימל זינגענדיק,
מיט זיין האַרציק קולכל זיס קלינגענדיק



צו זיינע שעפסן־סטאַדעס ער קערט צוריק.

---

לויפן שעפעלעך מיט פרייד אים אַקעגן,
פייגעלעך זאַטע זינגען טיף אין די צווייגן,
און צווישן פלישתים און ישראל פרייד און גליק.

## „ואהבת לרעך כמוך מה דסני לך לחברך לא תעביד״

צי האָט ער נישט די פלישתים־פרויען
מיט גאַנצן האַרצן געליבט, ערלעך, פראָסט?
איינמאָל אים באַשווינדלט, אַ צווייט מאָל,
און ווי תמימותדיק זיך נאַרן געלאָזט.

שמשון הגבור, נישט ערשט דערמלט,
ווען די אייגן דיר אויסגעשטאָכן מ'האָט,
שוין בלינד געווען די ביזט — פון ליבע!
ווען דלילה'ן אויסגעזאָגט האָסט דעם סוד.

ב.

„ואהבת לרעך כמוך״!
אַז דער קאַצקער צו דעם פסוק געקומען,
ר'איז געבליבן זיצן אַ צערידערטער,
און געוואָרן אינגאַנצן באַנומען:

וואָס הייסט „כמוך״? ס'מיינט דאָך ווי זיך אַליין,
ווער מעג זיך דען, ווער קאָן זיך דען ליב האָבן?
און ער האָט זיך אַ זייל איינמיטן דער וועלט,
אין לעצטע ד' אמות איינגעגראָבן.

ג.

וואָס איז אַ פּזאַלם און וואָס ירושלים?
אַ שטאָט, אַ כרך, אַ געדיכטל, אַ ליד — —
ממעמקימדיק, של־מעלהדיק ס'ווערט,
ביי דער כותל ס'תהילימט אַ שווער געמיט.

קיזל געשטיק פון טרערן איבערגיין —
מים היים! און די ערד וואַקסט אין בליט — —
ירושלים, גאָטס־שטאָט וועסט ווערן,
ווען האָס אויפהערן צווישן גוי און ייד.

בערנאַרד מענדעלאָוויטש

## הערמאַן פעניגשטיין ע״ה

אין יאָר 1936 האָט הערמאַן פעניגשטיין, וועלכער איז געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט אַלס סטאַר פון יידישן טעאַטער, פאַרלאָזט די בינע און געוואָרן אַ חזן אין גלאַזגאָו. דאָס טעאַטער האָט פאַרלוירן אַ שויי־שפּילער, דערפאַר אָבער האָבן די יידן אין גלאַזגאָו געפינען אַ גוטן חזן. הערמאַן פעניגשטיין, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ פיינע טענאָר שטימע און

געהאט אלע מעלות פאר חזנות, האט שנעל געווינען דעם רעספעקט פון זיין קהלה.

ווען ער האט אויף דער עלטער אויפגעגעבן זיין פלאץ אלס חזן פון די „נעדערלי און קלארקסטאן שוהל" אין גלאזגאו, האט ער זיך מיט זיין פרוי און זוהן באזעצט אין בארנמוט און געוועזן חזן אין די „נארמאנדי" און „גרין פארק" האטעלן. די דארטיקע יידן וועלן שטענדיק געדענקען זיינע הארציקע תפלות געזינגען טראדיציאנעל און מיט געפיל, אבער מער פון אלע וועלן יידישע אקטיארן דערמאנען זייער חבר, וועלכער האט ביים שפיץ פון זיין קאריערע, ווען ער האט גאסטראלירט איבער דער גאנצער וועלט און זיינע רעקארדס זיינען געשפילט געווארן אין יעדער יידישער היים, אויפגעגעבן דעם טעאטער צו דינען זיין פאלק אלס חזן.

הערמאן פעניגשטיין איז אוועק פון אונזער וועלט אין דער עלטער פון 78 יאר און געלאזט א טיפן טרויער אין די הערצער פון אלע וואס האבן אים געקענט אלס זייער רעווערענד, ער וועט אבער אויך קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון זיינע חברים שוישפילער אלס גרויסער קינסטלער פון יידישן טעאטער.

עלא זילבערג

## נײנציקסטער געבורטסטאג

דעם ליבן פריינט חיים נח בענקוויטש

צו דעם געבורטסטאג,
ווינש איך מיין פריינט,
ער זאל זיך האלטן ביז הונדערט,
אזוי מוטיג ווי היינט.

פון ניינציג ביז הונדערט,
איז נאר א קורץ שפאן,
ווען אין הארצן איז גליבן,
אין האפנונג פאראן.

ער זאל אונז דערקוויקן,
מיט ווערטער און ליד,
פון אמאליקע צייטן,
באשרייבן דעם ייד.

דער פונק פון ישראל,
באלייכטן זיין וועג,
ער זאל נאך פארברענגען,
פיל גליקליכע טעג.

---

ייִדישער וועלט-קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין פון
יידישע זשורנאליסטן

## פארזאמלונג

**זונטיק, דעם 18-טן פעברואר, 1973, פונקט 3 א זייגער**

אין

21, DEAN STREET, LONDON, W.1

1. היינריך היינע—צו זיין 175-טן געבוירנטאג — י. זאנטאג
2. ה. לייוויק—10-טער יארצייט — י. א ליסקי
3. ח. נ. ביאליק—צו זיין 100-טן געבוירנטאג — ד"ר עליזאבעט עפלער

פארזיצער: יוסף פרענקעל

אײנטריט פריי — קומט אין צייט



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

לאנדאן פעב-מערץ 1933 34-סטער יאר (העפט 10-409) 2-3

אינהאלט:

ערב-שבתדיקע ווייטשעפל-גראמען ** 3
אלץ צוליב א שלח-מנות (דערציילונג) שמואל וההייט 14
פארוואס איז זאלץ ביליק און בראנפן טייער (פון דער סעריע: טיפן פון
מיין שטעטל זאקראטשים) ........ יאקוב דזשערגאווסקי 15
מרים און אירע פופעס פון ישראל ........ דוד בערמאן 16
לבדי — אליין (ליד יידיש פון דר. מאיר גערטנער) חיים נחמן ביאליק 18
ביאליק אין יידיש, דער שורש ........ א. נ. שטענצל 19
אבי השור (דערציילונג) ........ ש. י. עגנון 24
חיים נח בענקוויטש צו זיין ניינציקסטן געבוירן-יאר. אייזיק גאלדבערג 31
לאנדאנער קולטור ידיעות

**יידיש ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס יעדן שבת 3 א זייגער הענריקעס סטר. 32, א.1.**

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

**אבאנאמענט-פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**
**אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר**

**מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :-**
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*